


פרשת מקץ,
חנוכה
יאר 2, גליון 33

### עלסטע קלאס וויליאמסבורג– דבורי אינדיג

איך האב געמאכט דוינאטס. איך האב געבעטן די אייבערשטער אז ס'זאל אויסקומען גוט און שכח אייבערשטער ס'איז אויסגעקומען זייער יאמי!



### עלסטע קלאס שטעטל– הינדא ריקע'לע כהן

איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל קענען זיין אין שטעטל פאר שבת אין שכח אייבערשטער איך בין געווען אין שטעטל פאר שבת!



### פיפטע קלאס שטעטל – חי' צירל פורסט

מיין טאטע האט געקויפט א דריידל וואס זינגט און מאכט לייטס. איך האב עס געוואלט ניצן אבער ס'האט נישט געארבעט. איך האב געבעטן די אייבערשטער אז ס'זאל ארבעטן און שכח אייבערשטער ס'האט געארבעט!



### פיפטע קלאס וויליאמסבורג–לאה'לע שווארץ

איך האב נישט געהאט א זייגער. איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל באקומען א נייע זייגער און שכח אייבערשטער איך האב באקומען א זייגער!



### דריטע קלאס שטעטל– חוי ברוין

איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל באקומען נאך א דיימאנט אויף מיין ברסלבע קרוין און שכח אייבערשטער איך האב באקומען נאך איינס!

### דריטע קלאס וויליאמסבורג– עליזה מזרחי

איך האב זייער שטארק געוואלט אז מיין מאמע זאל מאכן א חנוכה מסיבה, אבער צום סוף האט זיך עס נישט אויסגעארבעט. איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל בלייבן פריליך און שכח אייבערשטער איך בין געבליבן פריליך!



## ערשטע קלאס – מירעלע ראזענפעלד

איך האב זיך זייער נישט גוט געפילט. איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל שוין גוט פילן און שכח אייבערשטער איך פיל שוין זייער גוט!



## פרי–1 –א שטעטל– רבקי פריעדמאן

איך האב געבעטן די אייבערשטער אז מיין מאמע זאל קויפן א סנעק וואס איך האב זייער שטארק ליב און שכח אייבערשטער מיין מאמע האט עס געקויפט!




# פון אונזערע לערערינס...

לכבוד מיין טייערע תלמידה ...תחי'

איך וויל דיך זאגן אז איך האב זייער שטארק הנאה פון דיך, פון דיין הערליכע דאווענען, דו ווייסט נישט ווי שטארק איך פריי מיך צו הערן און זעהן ווי שיין דו דאווענסט יעדן טאג! און אויך פון דיין מדות, איך זעה ווי דו שמועסט מיט מיידלעך וואס זענען מער שעמעדיג און די ביסט פרענדס מיט זיי, דעס איז זייער א גרויסע מצוה, טוה ער ווייטער– צו מאכן יעדע מיידל פילן גוט! אויך ביי נייען האב איך הנאה צו זעהן ווי געשיקט דו ביסט, אפילו דו דארפסט עס איבערטון, טוסטו עס שנעל אן קאמפלעינען , דעס איז אזא גוטע לימוד אין סבלנות און דעס וועט דיך זייער העלפן אין דיין לעבן! האלט ווייטער אן דיינע גוטע ארבעט! דו מאכסט מיך אסאך נחת!

מיט ליבשאפט,
שרה לעזער





# פון דער ראש ישיבה שליט"א...

... תחי', תלמידה בית פיגא.

לכבוד איך האב ערהאלטן דיין בריון.

איך פריי מיך זייער צו הערן אז דו זאגסט תהלים. אלע ישועות ליגן אין תהלים. אזוי אויך אז איינער זאגט תהלים ווערט זיין אמונה געשטארקט, ער פארלאזט זיך אויפן אייבערשטן און אלע פחדים גייען צוביסלעך אוועק פון אים. אזוי ווי דער הייליגער רבי זאגט: ווער עס האט בטחון האט נישט קיין פחדים פון קיינעם; מען לעבט מיט א מחשבה אז דער אייבערשטער איז מיט מיר, ביי מיר, און נעבן מיר; איך ליג אין דיינע הענט, אוי ווי דוד המלך זאגט איך בין ווי א קינד וואס פארלאזט זיך אויף די מאמע אן קיין שום דאגות און אן קיין שום פחדים.

וואויל איז דעם מענטש וואס פירט זיך בתמימות ופשיטות, ער טרינקט אפאר קאפיטלעך תהילים יעדן טאג; דורך דעם וועט אים זיין גוט אויף די די וועלט אין אויף יענע וועלט.

# EASY DOUGHNUTS

## Recipe:

1 frozen store bought pizza dough

## Directions:

Defrost. Form into balls. Deep fry. Coat in confectioners sugar.

געדענק צו בעטן דער אייבערשטער עס זאל אויסקומען זייער גוט!

# מיר לערנען זיך פון
# "עצתו אמונה"

## יענקל, שטארק זיך!

אונז האבן יעצט געענדיגט לייענען א מעשה פון עצתו אמונה. ר' יענקל איז געפארן מיט ר' נתן אויף א וואגן. יענקל האט געהאט אסאך פעקלעך מעל. פליצלונג! עס רעגנט! אוי וויי! וואס געשעהט אויב מעל ווערט נאס? עס ווערט טייג!

איינער ווייסט וואס ר' יענקל האט געטון?

איך! איך! איך!

איך רעה אז יעדער ווייסט וואס ר' יענקל האט געטון. אבער איך וועל ענק זאגן! ער איז געבליבן פרייליך! און ער האט געזינגען צו זיך "יענקל שטארק זיך! יענקל שטארק זיך!"




דעס איז זייער א שיינע מעשה. ווייל שטעל זיך פאר אז דו נישט קיין צדיק וואס וואלסטו געטון? ר' יענקל איז געפארן מיט א צדיק, אוודאי איז ער געבליבן פרייליך!

איך לערן זיך פון די מעשה:

1. ווען מ'האט א צדיק קען מען זיין פרייליך!
2. אנשטאט זיין טרויריג איז ער געבליבן פרייליך!

שכח איידערשטער אז איך האב געענדיגט די וואך תהלים!

געשריבן דורך: אסתי פריעדמאן

## נייעס אין בית פיגא...

**וויליאמסבורג:**

עס איז געווען א קנאקעדיגע חנוכה מסיבה די וואך מיטוואך אין בית פיגא וויליאמסבורג! די דריטע און פיפטע קלאס האבן געמאכט א שיינע חנוכה טאנץ לכבוד די מסיבה. מען האט געשפילט זייער אסאך געימס. אויך האבן מיר געמאכט דאונאטס לכבוד חנוכה. ביים סוף האט מען געטאנצן און זיך געפריידט אז מיר זענען אידן און מיר האבן הייליגע ימים טובים! ש'כח אייבערשטער!

**שטעטל:**

עס איז פארגעקומען א מעבטיגע חנוכה מסיבה אין בית פיגא ליבערטי! מען האט געשפילט זייער אסאך געשמאקע געים'ס: musical chairs,balloon dance ... און נאך! ביי לאנטש האט מען אויסגעשטעלט די טישן ווי א דריידל און מען האט באקומען לכבוד חנוכה סאדע און פיינע פרישע דאונאטס! ש'כח מרת אפפעל, אסתר יוטי שטערן און הינדא ריקל קהן פארן אהערשטעלן אזא שיינע מסיבה! ש'כח אייבערשטער פאר די בעסטע סקול אין די גאנצע וועלט!

# א מעשה פון א צדיקות...



אין די צייטן פון די נס חנוכה איז געווען א גריכישע גענעראל מיט די נאמען אליפורני. ער האט זייער פיינט געהאט די אידן. ער האט זיי געפייניגט מיט שרעקליכע גזירות, אפשר וועלן זיי זיך אונטערטעניגן אונטער אים. די גרויסע מויער ארום די שטאט האט ער פארשפארט, און די וואסער האט אפגעשטעלט. קוים עסן האט מען געקענט אריינברענגען. ער האט זיך ערנסט געגרייט אויף מלחמה! אין די שטאט האט געוואוינט א קלוגע פרוי,יהודית. מיט תפילה און חכמה, האט זי געהאלפן ראטעווען די אידן. די צדיקות האט געהאט א פלאן...

אין א זאק האט זי אריינגעלייגט מתנות און גוטע זאכן. זי גייט צו צום טויער פון שטאט דערוויל וואס זי בעהט דער אייבערשטער אז מ'זאל איר ארויסלאזן. פאר די סאלדאטן האט זי געזאגט אז זי האט א שיינע מתנה צו געבן פאר די גענעראל אליפורני. זיי האבן איר געגלייבט און איר ארויסגעלאזט.ביים פון פאלאץ איז שוין נישט געגאנגען אזוי גרינג. זי האט אסאך געבעטן די אייבערשטער אז די סאלדאטן זאלן איר אריינלאזן "איך האב געברענגט א מתנה פארן קעניג, און עס מוז יעצט ווערן געברענגט צו אים." דער אייבערשטער האט געמאכט אז די רשעים זאלן גלייבן אירע ווערטער און זיי האבן איר אריינגעלאזט.

מיט ציטערדיגע הענט האט זי געעפנט די טיר פון אליפורני'ס צימער. שטאלצערהייט האט די צדיקות יהודות אנגעגרייט א רייכע מאלצייט. טייערע אלטע וויין, גוטע קעיז, און נאך פארשידנס. אליפורני האט זיך זייער מחי' געווען און געטרונקען מיט געשמאק די פיינע וויין. די גאנצע פאס האט זיך צוביסלעך אויסגעליידיגט און אליפורני איז אריינגעפאלן אין א טיפן שלאף. יהודת האט אנגעהויבן צו ארבעטן זייער שנעל. שטייטערהייט האט זי צוגעשפארט די טיר פון די צימער, און צוגעגאנגען צו איר זאק. זי האט ארויסגענומען א לאנגע, שארפע שווערד וואס איז געווען אנגעגרייט פון פריער.
"הייליגע באשעפער, איך געב דיך איבער די גאנצע זאך. דו מאכסט אלעס. העלף אז אלעס וואס איך טוה זאל זיין מיט הצלחה!" זי האלט שוין די שווערד איבער זיין קאפ. נענטער,נענטער... ס'ליגט שוין אויף זיין האלדז. באשעפער!! העלף מיך!! די שארפע שווערד האט דורכגעשניטן אליפורני'ס האלז! זי האט שנעל איינגעפאקט די קאפ אין א זאק, און אהיימגעלאפן צו איר שטאט!
אינמיטן די נאכט האט יהודית גענומען אליפורני'ס קאפ און עס אויפגעהאנגען אויף די מויער פון די שטאט פאר יעדעם צו זען די גרויסע נס וואס איז געשען! מיט גרויס שרעק האבן די גוים איינגעזען אז דער אייבערשטער איז שטערקער פון אלעס און ווען אידן בעטן אים ווערן זיי געהאלפן!! אלס זכר צו די גרויסע נס, עסן מיר חנוכה מילכיגס, צו דערמאנען די גרויסע נס וואס איז געשעהן!!



# א פריילכן חנוכה!!!

# א פרייליכן חנוכה!

